(עדי: מיר וואָלטן בעסער געדאַרפֿט שרײַבן באַלאַי, כּדי די פּוילישע ייִדן זאָלן דאָס ניט לייענען באַלײַ)

באַליבט - אַדי/אַדוו. 1. דיק, פֿעטלײַביק.

1868" דער אינדיק טוט גאַרניט [...] עסט און שלאָפֿט, ווערט פֿעט, באַלייבט". ילג, קמ, נ' 21.

1960" אויף די טראָטואַרן און אין די קאַפֿעס צווישן די פֿעטע דאַמען, באַלײַבטע מיידלעך און האַלב נאַקעטע מענער [...]". ל. דאַמאַנקעוויטש, זש'היימיש, XII. ז' 51.

2. יאַדערדיק, געזונט, קאַרפּולענט.

... " קוקנדיק אַ ווײַל אַזוי אויפֿן קעלבל, ווי שיין, געזונט, באַלייבט, ווי לעבעדיק פֿריש עס זעט אויס [...]". ממוס, ס' הבהמות, ז' 59.

3. ( פֿיג ) קערפּערדיק, גשמיותדיק, חושימדיק.

1927" די נאַכט, אַ באַלײַבטע, אַ טראַגעדיקע, איז צוגעפֿאַלן". אַפֿאַ V, ז' 236.

|| באַלײַבטקייט - די, באַ, ... פֿפֿ: ( דטשמ ) באַלײַבטהייט. פֿעטלײַביקייט, דיקייט, איבעריקע וואָג פֿון קערפּער. % די באַלײַבטקייט איז די סיבה פֿון אַלע זײַנע קראַנקייטן.

1874" די רעכטע שיינהייט פֿון אַ פֿרויענצימער [באַשטייט] נאָר אין באַלייבטהייט, וואָס דיקער זי איז, איז זי אַלץ מער [...] באַליבטער". אמד, דער פּלוך, ווילנאַ, ז' 17.

1939" דער קאַשיק האט טרוקן אַ קנאַק געטאָן צווישן מערעס שלאַנקן גוף און צווישן קושקעס [ נאמען ] באַלײַבטקייט". זש, ביים דניעפּער, ווילנע, ז' 138.

1968" מעדיקאַמענטן צו רעגולירן אייער באַלײַבטקייט ( איר וועגט צו פּיל )". י. גלען, פאר, X/31.

באַלײַבן - טרוו. ( פֿלג. פּאַרקערפּערן, געבן אַ קאָנקרעטן ממשותדיקן תמצית, אויסדרוק.

1967" ער שרייבט נישט מער, פאר וועמען וועט ער שרייבן // דער טויט האָט זיינע יידן צוגענומען,// זיי וועלן שוין די ווערטער נישט באַלײַבן". ב. העלער, דור און דויער, ת"א, ז' 11.

באַלייבן זיך - רעפל. אָנטאָן זיך אין גוף, פאַרקערפּערט ווערן.

1940 " עס קאָן דאס לאַנד אין שטאָל זיך נישט באַלײַבן, ווייל מאַסקע ז'אלע מאל א ציצענע געוועזן |...|". פמ, א פאעמע וועגן סטאַלינען, ז' 41.

באַלײַג - דער, =ן. ( מעד ) א באַדעק מיט א שיכט פון א געוויסן אָרגאַנישן שטאָף, וואס זאַמלט זיך אן אויף א קערפּערטייל בעת א קראַנקייט. % דער דאָקטאר האט באַמערקט אַ רויטלעכן באַלײַג אין קינדס העלדזל.

1932" מיר זעען דאן אויף דער שליימהויט פון צונג, פון די באַקן און די ליפּן ווייסע באַלײַגן". פּגעז, נ' 11, ווילנע.

באל - 39

געבן - דאס, =ן. דזוו דפוו.

1930" אויסדווישן דעם מויל=חלל, באזונדערס אכט לייגן
אויף באזייטיקן די באלייגעכצן פון צונג".
פגעז, נ' 1, ווילנע.

ב אַ ל יי ג ן - טרוו. 1. באדעקן מיט עפעס,
ארויפלייגן עפעס.

1888 " [...] ווען דער גאנצער הימל איז באלייגט
מיט געדיכטע שווארצע וואלקנס". בן-עמי,
די קינדערשע יארן, ייפאל, נ' 1, קיעוו,
ז' 208.

1908 " חוץ דעם מוז מען לייגן אין [...] ארום דעם
[מאַליערע-קראנקן] הייסע ווארעמפלאשן, זעקלעך מיט
הייסן זאמד אדער קלייען און באלייגן מיט סינאַפּיז
[...] [קאמפרעסן] דאס [...]יקע פלייש פון די פיס".
איבז [פון וואנען?], דער אוצר פון געזונד און
לעבן. ווארשע, ז' 40.

1948 " זיי האבן ווי א היישעריק באלייגט דעם ראנד,
אדורכגעווייקט מיט גיפט". פּם, מילכאמע, מאסקווע,
ז' 48.

2. (ספעציעל) באדעקן, באפוצן די אייבערפלאך אדער
א טייל אירע [...] מיט אן אנדערער פאר שיינקייט
וועגן, באפוצן זי. % באלייגן דעם קאלנער פון
קאַפּטן מיט זילבערנע פעדעם.

1844 " [...] א שובע [פוטערנער מאנטל] זאל זיין
באלייגט מיט וואס פר א פוטער עס איז, וואס דארף
איך דא עקלעך". ליאנדאר, נייער בריפן שטעלער,
ווילנע, ז' 96.

1902 " גייט אנגעטאן אין א ווייסער שבתדיקער זיפּעצי
באלייגט מיט זילבער". ריב"ל, די הפקר וועלט !!,
ווארשע, ז' 55.

1941 " און זיבן טויזנט צענטנער געלייטערטע זילבער
אויף צו באלייגן די ווענט פון די הייזער".
תי, דברי הימים א', כט - 4.

3. פול מאכן, אנלייגן א סך, אנפּאַקן.

1876 " [דער תלמיד-חכם] זאל ניט ארויסגיין אין גאס מיט בשמים באַלייגט אין די קליידער [...]". —— י. ל. יאסעלאוויץ, תוכחת מוסר(רמב"ם), ווילנע, דף י"ט.

1930 " און יעדעס מאל, ווען איך איז געקומען פון גרויסן מארק באַלייגט מיט הונדערטער געשעפטן [...]". אפּאַ XI, ווילנע, ז' 141.

1954 " [...] ווען מ'האט זיך מיט די באַלייגטע פורן אראפּגעלאזן פּראוון די פּראסטע, ארעמלעכע חתונה פון די דארפסלייט [...]". זש'פאריזער צייטשריפט, פאריז, נ' 4.

4. באשטייערן, באלאסטן מיט קרוּװסר אפצאלן.

% באַלייגן מיט צינדזן דעם בראנפן-פארקויף.

1865 " אויסגעמישטע זאוועדעניעס [=געשעפטן, אונטער-נעמונגען (רוס)] - וואס חוץ די ארטיקלען וואס זענען באַלייגט מיט אקציז [...]". קמ, נ' 48, ז' 722.

1903 " עס איז ניטא א זאך וואס מע קאן קאנטראלירן אדער איינוויקלען אין באנדעראלן, די רעגירונג [...] זאל ניט באַלייגן מיט אפּצאלונגען". מ. מיכלזאהן, הערשעל דער שניידער, לאנדאן, ז' 6.

1920 " און די דאזיקע ערטער וועלן מיר מיט גאלד באַלייגן - דאס זיינען געווען געוויסע דייטשע קאטוילישע פירשטנטימער". דאַ שווארץ-רויט [...], ווארשע, ז' 73.

5. אוועקלייגן געלט, באצאלן, סילוקן, דעפּאזיטירן (איינלייגן).

1866 " נאר בשעת התנאים קאן דער מחותן זאגן, איך וו
וויל מיין חתן געבן פינף הונדערט גולדן וועלכעס
איך קודם החופה באלייגן מוז". מ. הלוי הורוויץ,
ספר פרשת מרדכי, אונגוואר, דף י"ב.

1927 " פישל מוז רוכטשען אפגעבן אלע ברייליאנטן, או
און אויב ער וועט באלייגן אזוי פיל בארעס געלט,
וועט זי זיך מיישב זיין". י. פערלע, גילדענע
פאווע, [illegible], ז' 522 [?].

1949 " דער גביר האט באלייגט די פון אים פארלאנגטע
סומע און צוגעזאגט, אז מהיום והלאה וועט ער זיין
גוט און פרום". מ. באכנער, יזב כזשאנאוו,
רעגנסבורג, ז' 211.

6. אפגעבן/ איבערגעבן עפעס, דערלאנגען.

1895 " ער וועט שוין מוזן אפגעבן דאס וועקסל, ער
וועט דאס מוזן באלייגן אין די פאליציי". [illegible]
אמעריקאנישע גליקן, ווארשע, ז' 116.

1968 " ער, דער פאסטעך, האט באלייגט די מסירה,
אז נעבן לאגער געפינט זיך א גרעסערע צאל יידן".
ב. ארענשטיין, יזב אסוואצק, ת"א, ז' 835.

7. געבן א געלעגער צום שלאפן, לייגן שלאפן.

1940 " דאס חדר, ווו מיר האבן באלייגט דעם גאסט,
איז געווען דאס צווייטע פונעם קינדער-צימער".
שע, ~~[illegible]~~ ציט אלע ווערק,.. באנד V-?,
~~[illegible]~~ ז' 37. [illegible] 1944.

1936 " אין דער נייער שטוב האט מען דערווייל
באלייגט דאס פארל, דעם צווילינג - איידען מיט
סיאמקען". ש. גאדינער, זב בירע-בידזשאן,
מאסקווע, ז' 28.

(6) 39 באל-

1968 " זי האט [...] זיך גוט אנגעמאטערט, [...] ביז זי האט זיי [די קינדער] באלייגט אין די בעטלעך... זיי האבן ניט געוואלט זיך לייגן שלאפן". באטע לוריע, הימל און ערד, מאסקווע, ז' 36.

8. "מסרם זיין אן אגעף אדער א בוהיי (אויסשניידן די טעסטיקלען אדער אויסברענען זיי מיט אנגעגליטן אייזן". [קטוו].

|| באלייגן זיך - אוטוו. (דיאל? רעג?) באקלערן זיך, איבערטראכטן א זאך, זיך מיישב זיין.

1972 " איך האב זיך נאך נישט באלייגט וואס צו טאן". מ. דלוזשנאוסקי, פאר IX/13.

דאַלייגונג — די, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פון דאַלייגן (זיך).

17 באלייגן עקזאמען - אפגעבן/האלטן עקזאמען.

1939 " איך אויסלאנד באקומט א מיידל א דיפלאם [...], נישט פריער ביז זי האט באלייגט עקזאמען פון קולינאריע (קאכקונסט)". ב. שאפראן, יידישע קוך, ווארשע, ז' 4.

1970 " [...] פיר שטעלער וועלן דארפן האבן איין רב, ווייל וועלכער רב וועט דאס זיין אימשטאנד צו באלייגן אן עקזאמען?". א. פייוולאוויטש, יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 121.

באלייגן א בריוו - אוועקשיקן א בריוו מיט דער פאסט.

1963 " ער וועט באלייגן ביים פאסטאמט די בריוו, וואס מיר וועלן אים איבערשיקן". ש. ביקל, זש' איק, פסח-נומער, ז' 65, Alle.

1972 " נאכן האבן באלייגט דאס בריוול צו בתיהן איז אים געוועזן טרויעריק אויפן געמיט". ב. דעמבלין, פאר, I/9.

באלייגן פירן - (עלט?) דער מנהג ביי אמאליקע חתונות אפצופירן דאס יונגע פארפאלק אין זייער שלאפצימער אריין [זע אויך ״באלייגנס].

1861 " [...] דאס פארפאלק טאר מען ניט פירן באלייגן ווייל די חתונה איז געקומען אומגערעכט, מיר זענען דאך דערויף יידן". יא, שטערנטיכל, לייפציג, ז׳ 33.

באלייגן מיט בלאטע - באשמוצן, באליידיקן, רעדן שלעכטס אויף עמעצן.

1869 " חסידים באלייגט איר מאקע מיט בלאטע, פון דעסטוועגן וועט זיך דאך אין אונדזער קאנט קיינער ניט דערוועגן א קינד אין די שקאָלעס צו שיקן". קמ, נ׳ 18, ז׳ 123.

באלייגן מיט קללות - שטארק שעלטן.

1898 " [...] דו האסט מורא אויף די [דער] גאס ארויס-צוגיין, דיינע לאָקאטערס [=שכנים] זאלן דיך נישט באלייגן מיט קללות אדער מיט קלעפ". א. מארגענשטערן, עגל הזהב, ווארשע, ז׳ 59.

באלייגן מיט קלעפ - שטארק שלאגן. זע דצוו.

בליגן ם

1. ----

... " רפדוני - בליגנט מיך". רייכלין 8, שיר השירים, ב - ה.

1748 " אבר הילצני גישער אודר אירדני גישער אובר (כלים) דיא הויזן ארום אייזינה רייפן ביליגט זיינן איז מן (טובל) מאכט אבר גאר קיין (ברכה) ניט". עפש, סידור תפילות, אמשטרדם, דף קמ״ב.

2. <---

1637 " ואסרו לאשות ערבול [=ארבל] אויף גישניטן
או ביליגט פסמן [=פאַסמאַן] זהב און כסף [...]".
תקנות ועד שצ"ז, ציט ש. דובנאוו, פנקס מדינת
ליטא, בערלין 1925, ז' 68.

4. <---

1767 " דען איבר טרעטר וועדן הקצינים ניכט אליינד
בקנס כל פעם בליגן זונדרן אויך מיט תפיסה וביושים
צו בשטראפן ווישן". פראגער תקנות וועגן לוקסוס,
ציט ב. וואכשטיין-בוך, ייווא-בלעטער I, ווילנע,
1931, ז' 345.

6. <---

1723 " ווען דער מענטש שטערבט דען מוז ער חשבון
געבן אונ' מוז זייני רעכנונג בליגן [...]".
ש"ה, אמשטרדם I, דף ל"ח.

9. באַלייגן ([illegible]).

... " וצרת – אונ' דו זולט בליגן, כמו כי תצור
על עיר". רייכלין 8, יחזקאל, ג-ג.

1610 " אונ' אוב ניט זיא ורידן מיט דיר ואונ' זיא
ווערדן מאכן מיט דיר אייך שטרייט אונ' דו זולשט
ביליגן אויף זיא". טח, דברים כ – יב.

באלייגנס - דאס, בא. לויטן אמאליקן יידישן מינהג - די צערעמאניע פון אפפירן דאס יונגע פּארפאלק נאך דער חתונה-סעודה אין זייער שלאפצימער.

1962" נאך די שבע=ברכות האבן די קלעזמער אויפגעשפילט א פריילעכן וויוואט און די אונטערפירערס האבן ארייגעפירט דאס פּארל אין זייער "יחוד=שטיבל אויף באלייגנס". פ. רודאי, מטז, 29/IV.

באלייגעניש I - דאס, =ן. דאס איינלייגן (זיך) שלאפן, דאס געבן (געפינען) אן ארט צו שלאפן. % דאס באלייגעניש פון דעם גרויסן געזינדל האט ארויסגערופן אמפערנישן, ווייל ניט יעדער האט געהאט זיין שטענדיק געלעגער.

1936" דאס באלייגעניש איז לכתחילה צוגעגאנגען שווערלעך, [...] אלע ווילן שלאפן אין דרויסן ביים שייטער [...] און זיי דארפן זיך וואלגערן אין שטוב". ש. גאדינער, זב בירע=בידזשאן, מאסקווע, ז' 28.

ם [באלייגעניש II] ביליגניש - דאס, =ן. באלאגערונג פון א שטאט, פעסטונג בעת מלחמה.

1610 " אונ' דוא זאלשט בויאן אין ביליגניש אויף דיא שטאט דש זיא אן ריכט מיט דיר איין שטרייט". טח, דברים, כ - כא.

(686)

באלייגערער - דער, =ס. דער וואס באלאגערט א שטאט בעת מלחמה (מלמד-טייטש אויף "נצרים באים...")

[קטוו, ב. פרימער].

באַ ל יי ד י ק ו נ ג - די, =ען. אקט אדער רעזולטאט פון באַליידיקן(זיך). % שווערע (טיפע, הארבע) באַליידיקונג. איבערטראגן (פארטראגן ) א באַליידיקונג. פארשווייגן די באַליידיקונג. רעאגירן שארף אויף דער באַליידיקונג. א באַליידיקונג מיט ווערטער איז א מאל שטארקער פון א קלאפּ. די געלע לאטע איז געווען א שווערע באַליידיקונג פאר די יידן.

1873" אזא באַליידיקונג האב איך שוין ניט געקאנט אויס-האַלטן". ממוס, קליאטשע, ווילנע, קאַנק: 244860.

1907 " ער איז גרייט איבערצוטראגן אלע מינים באַליידיקונגען אויף דער וועלט". שע, אין שטורעם. ז' 25.

1954" דער שקלאַפנטרייבער האָט זיך געפילט זינדיק פאר דער באַליידיקונג פונעם צלם-אלהים אויפן נעגער-פנים". גרינ, בלעטלעך [...], נ"י, ז' 204.

1970 " דער נאמען 'יודענראט' איז אין אלגעמיין אנגע-נומען ווי א סימבאל פון נידעריקייט, באַליידיקונג און פאַררעטערשאַפט". רעד' ר. מאַהלער, סאַנץ, ת"א, ז' 810.

אָפּוואַשן א באַליידיקונג - אָפּצאָלן, זיך נוקם זיין פאר דער באַליידיקונג.

1895" דער פאָטער האט זיך באשלאסן אָפּצוּוואַשן דיזע [די] באַליידיקונג מיט דעם פרינצס בלוט". אמד, דער סולטאן, ווילנע.

אראפּשלינגען א באַליידיקונג - ניט ענטפערן אויף איר, פארשווייגן, ניט רעאגירן.

1912 " זייער פיין איז גרעסער [...] ווי ביי יענע, וואס מאַכן זיך ניט ווויסנדיק און שלינגען די באַליידיקונגען שווייגנדיק אראָפּ " ממוס, שלמה ר' חיימס II, ז' 34.

~~באַליידיקונג~~

ם בילײדיגונג

1661" [...] דארום דש ער [יהושע] מוכטי איבר פארן און אלי פארכט [...] פאר דעם פײנד און אלי בילײדיגונג". יוסיפון, 2, אמשטרדם, דף שצ"א 1711.

1721" מײן שטים טוא איך אויף היבן מיט גיבעט פון ווײגן דז בילײדיגונג דען פײנט דר דא מאכט שטורמן". מחזור ר"ה וויז"כ, הומבורג, ז' רלט 1714.

באלײדיקט - פאַרט/פּאַדוו פון באַלײדיקן. וואָס איז דערנידעריקט, וואָס פילט זיך באַוווּלט דורך עמעצנס רײד אָדער מעשׂים, דורך אַן אַמרעכטס. % דער באַלײדיקטער אַרבעטער האָט געמוזט פאַרשװײַגן דעם בעל=הבית׳ גראָבע רײד. די אָרעמיקע מענטשן האָבן זיך אײַנגעשטעלט פאַר דער באַלײדיקטער פרוי און אָפּגעפירט דעם כוליגאַן אין פּאָליצײ.

1870" מען געפינט זיך גאָר באַלײדיקט אַז עס טרעפט זיך מען לאָזט אײנעם אויס בשעת מען זאַמלט ׳נדבות׳". קמ, נ' 50.

1888" [...] אויגן פון אַ שלאָפן, אומגליקלעכן, אומזיסט באַלײדיקטן, געקרענקטן מענטשן". ממוס, קליאַטשע, קאַנק: 457180.

1951 " דווקא אויף איר וויל ער אַרויסראַנגלען די באַלײדיקטע ליבע פון אַ פיזישן שלימזל" ב. ריוויקן, אונדזערע פּראָזאַיקער, נ"י, ז' 151.

1964" [...] אויסגעמאַטערט, צעבראָכן, אויסגעשפּאָט און בײזן בײַזן באַלײדיקט". י. קאַפּלאַן, שליאַך און אומוועג, ת"א, ז' 11.

**באליידיקלעך** - אדי/אדוו. שפירעוודיק צו באליידיקונגען, וואס באליידיקט זיך גרינג. % מיט דעם קינד דארף מען זיך באגיין פארזיכטיק, עס איז זייער באליידיקלעך.

**באליידיקן** - טרוו. פארשאפן עמעצן פארדראס, צער דורך אנרירן יענעמס געפילן, מינערן די חשיבות מיט אומגעהעריקע רייד אדער מעשים. % באליידיקן מיט א זידלווארט. מע האט אים באליידיקט ניט פארבעטנדיק צו דער שמחה. באליידיקן שווער, טיף.

1873" [...] אז מע באליידיקט מיך, אז יענע מאכן חוזק, וואס זשע ארט עס מיך?". ממוס, קליאטשע, קאנק: 123540.

1895" א ייד זאל זאגן אויף מיר, איך זע אויס איבער פערציק יאר! [...] אזוי מיך צו באליידיקן!". ע. בלאשטיין, שפרינצע די פיקחית, ווילנא, ז' 21.

1960" און עפעס האט מיך ווי באליידיקט, // וואס ווייט ארום נאר היץ און שטויביקייט, // און קיינער זעט ניט מיין דערהויבנקייט". האל, מיין אוצער, מאסקווע, ז' 226.

|| ~ער(=ין) - דער/די וואס באליידיקט.

1885" דו זאלסט אונדז ניט געדענקען אונדזער זינד. נעם נקמה פון אונדזערע באליידיקער". מוסף ליום כיפור...., ז' 191.

ם ביליידיקן/בילײדיגן.

1676" דא האט הקב"ה גיהיישן [...] ניט דו זולשט זי ביליידיקן דש מיינט מאן זול קיין לייד טון". ברנט שפיגל, פפד"מ, פרק טז.

באל - 44.

1679 "זוא דוא מייני טעכטיר בילײדיגשט, אודר אנדרי ווייבר דא צו נעמשט [...]". בליץ, בראשית, ל"א – נ.

באלײדיקן זיך – אטוו. פילן זיך געטראָפֿן, האָבן פֿאַרדראָס, צער צוליב עמעצנס אומפּאַסיקע מעשים אדער רייד; פילן זיך באלײדיקט. % דער פֿאַרבײַגייער האט זיך באלײדיקט פון דעם זידלווארט. דער מענטש איז זייער א שפּירעוודיקער, ער באלײדיקט זיך פון א ליאדע וואס.

פּל וואס טויג מיר מיין קומען צו דיר, // אז נעמען קענען מירד זיך ניט? // בעט איך דיך, מיין טייער זיס לעבן, // אז באלײדיקן זאלסטו דיך ניט". פל.

1900 "די קרעמער האבן זיך שטארק באלײדיקט, וואס מען איז זיי חושד אין אזא מיאוסע מעשה: אונטערשלאגן דעם רבס פרנסה". אר, אלע ווערק ב' XII, ציט אויסג, נ"י, 1930, ז' 73.

1911 "נו, שווער איך דיר, אַז אויב ער האט זיך באלײדיקט, וועל איך אים צוריק איבערבעטן". ווייס, גש, ב' I, ווילנע, ז' 218.

באלײדיקן זיך פאר גארניט – באלײדיקן זיך צוליב א קלייניקייט, א נארישקייט.

באלײדיקנדיק – גאַדי/גאַדוו. פון באלײדיקן. וואס פֿאַרשאַפֿט באלײדיקונג, וואָס באלײדיקט. % באלײדיקנדיקע ווערטער.

"אויף דער דאזיקער טעמע האט ער צעלאזט, פון פון אנהייב א ביסל טאקטיש, און וואס ווייטער — בייזער, אומטאקטישער און באליידיקנדיקער". 1955

א. מוקדוני, (אין ווארשע און לאדזש), פ.ג., ז' 252.

1970" דאס איז געווען זייער א באליידיקנדיקע און שמערלעכע טאט. די יידן זענען נאס געווארן און די כוליגאנעס האבן געפלאצט פון געלעכטער". רעד' י. פרידמאן, יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 34.

באליידיק-צייכן — דער, =ס. א זאך וואס סימבאליזירט באליידיקונג, דערנידערונג. % די דייטשן האבן געצוואונגען די יידן צו טראגן די געלע לאטע ווי א באליידיק=צייכן.

1951" ווען מיר נעמען שוין אראפ די באליידיק=צייכנס, דאכט זיך נאך אונדז, אז פון אלע זייטן טייטלט מען אויף אונדז מיט די פינגער". רעד' מ. סודארסקי, זב ליטע, ב' I, נ"י, ז' 1887.

באלײזיקט — אדי/אדוו. דזוו פארלייזיקט, מיט א סך לייז. % דאס קינד איז נעבן באלייזיקט, ווייל מע האט עס ניט געצוואגן א לאנגע צייט.

באלײזיקטער — דער, =ע. (שלש) "א גרויסער קבצן, א שלעפער" [קטוו]. %"אט דער באלייזיקטער? — ער פארמאגט דאך גארניט חוץ די שמאטעס אויף אים".

באלײט — ←--- באלייטונג.

באליטונג - די, =ען. פפֿ: באַגלייטונג, באַלייט.

1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון באַלייטן.

2. מענטש אָדער גרופּע מענטשן וואָס גייט/פֿאָרט מיט עמעצן, ס'רוב מיט אַ חשובער פּערזאָן, זײַן סוויטע, פּמליא.

1884" די גבאים מיט דעם פּרנס זענען אַוועק מיט די|דער| באַלייטונג פֿון דעם רב". איבז ראָם, [מחבר?], דער איינגעלשער גענעראַל, וואַרשע.

1922" אַנטיפּאַס האָט אַנגעהויבן אויסצורעכענען די הויפּט=פֿאַרשוינען פֿון זײַן באַלייטונג".|איבז?|מחבר?| העראַדיאַדע, בערלין.

אויבז ר. צעליגמאַן, פּ. מדרומאַר

3. קאַנוואָי, עסקאָרט, אויפּזיכט=גרופּע.

1866" ווי באַלד ער האָט נאָר מיט זײַ[די באַנדיטן] געעקט, האָט ער תיכף אַוועקגעשיקט די קינדער מיט אַ גוטער באַלייטונג קיין טאַנגער". קמ, נ' 30.

4. (מוזיק) אַקאָמפּאַניִמענט, צושפּיל. % די גוטע באַלייטונג פֿון אָרקעסטער האָט אַ סך צוגעגעבן צו דער הצלחה פֿונעם סאָליסט.

איין באַלייטונג/באַלייט פֿון - צוזאַמען מיט.
% דער אויסערן=מיניסטער איז אַרויסגעפֿאָרן אין באַלייטונג פֿון זײַנע געהילפֿן. דער פֿידלער שפּילט אין באַלייט פֿון ספּאַנישן אָרקעסטער.

פּפֿ באַגלייטבריוו,

באַליטבריוו - די/דער, מצ דזן, אַ בריוו, וואָס ווערט געשיקט צוזאַמען מיט עמעצן/עפּעס און פּרעזענטירט, קלערט אויף דעם שליח אָדער שליחות.

1947" א באַלייטבריוו דאַטירט פֿון 13טן נאָוועמבער מיטן שטעמפּל 'געהיים', האָט געגעבן צו וויסן [...]". מון, היטלערס פּראָפֿעסאָרן, נ"י, ז' 157.

1968" נאָכן אַדורכמאַכן די טעסטן [...], מיט א געהעריקן באגלייטבריוו מצד זייערע פֿריערדיקע דערציער, האָבן זיי געקענט אָנקומען אין אַנשטאַלט". י. פּערעל, יזב אַטוואַצן, ת"א, ז' 352.

ב אַ ל יי ט ן - טרוו. פֿאַר: באַלייט, פּפּ: באַגלייטן.

1. מיטגיין/מיטפֿאָרן מיט עמעצן צו אַ באַשטימטן אָרט, אין אַ באַשטימטער שליחות. % באַלייטן דעם גאַסט צום לופֿטפֿאַרט. ער באַלייט מיך צום אויטאָבוס. מיר האָבן זיי באַלייט צום וואָקזאַל.

פּל|...." פֿאָרן וועל איך דיך באַלייטן // פֿונעם טויער ביז צום באַן, // אָנגעקושט און אָנגעליובעט, // ביז דער פּאיעזד [צוג] איז אַוועקגעגאַן". פּל.

1875" [ער] האָט דעם קאַפּיטאַן באַלייט, ער האָט אים געוווּנטשן, אַז הש"י זאָל אים צוריקברענגען לשלום ". [illegible] קהל חסידים, לעמבערג.

... " עטלעכע פֿון אַנשי שלומנו האָבן אים באַלייט פֿון שטאָט אַרויס ביז צום וואַלד". פּרץ, אַן אָפּקומעניש,

[illegible]

2. אַנטייל נעמען אין אַ סוויטע, פּמליא פֿון עמעצן, ס'רוב פֿון אַ חשובֿן מענטשן.

1865 " אים | מאָנטעפֿיאָרען | האָבן באַלייט דער אַלדערמאַן [...] און דער געמיינדעסראַט עליאַס". קמ, נ' 2.

"... דעם כּבֿוד פֿון מלכות, פֿירשטן איז דאָך אויך, אַז אַלע פֿיינע ברכות באַלייטן זיי" ממוס, במורדות, ז' 27. יודל

3. קאַנוואָירן, מיטגיין ווי אַ וואַך, שמירה.

... יודלען הייסט ער אָנטאָן קייטן, // זעלנער זאָלן אים באַלייטן". ממוס, יודל, ז' 71.

4. מלווה זיין א נפטר, נאכגיין מיט א לוויה.

" אזוי האב איך מיין געליבטע// צום בית עולם באלייט". פל.

1928" און אלע טאג מיט שטילן טרויער // האט מען א קרבן שטיל באלייט". אי. פעפער, עליעס טויט, כארקאוו, ז' 25.

1935 " דאכט זיך, דאס זיי באלייטן די אייגענע גופים צום צווינטער". באש, דער שטן פון גאריי.

5. ( וועגן געפילן, געדאנקען, זכרונות אע ) ביי זיין כסדר, ניט פארשווינדן, זיין כסדר פארבונדן מיט עמעצן/עפעס.

1895" מיר זעען אפט מאל א מענטשן, וואס דאס מזל באלייט אים וווהין ער קערט זיך און ווענדט זיך". איבז, י. טרובניק, פּלי פיליפזאהן, רבי יהודה הלוי, 2טער טייל, ווילנע, ז' 37.

1941" האסט געפירט מיט דיין חסד דאס פאלק, וואס דו האסט אויסגעלייזט, באלייט מיט דיין שטארקייט". תי, משות # טו - 13. ?? שמות

... " [...] א בענקעניש טיף, וואס האט ווייט מיך אין גאסן באלייט". א. ניסענזאן, הונדערט לידער, ז' 72.

6. מיטשפילן אויף א מוזיקאלישן אינסטרומענט בעתן אויפטריט פון סאליסטן. % די ~~פיאניסטקע~~ האט באלייט דעם זינגער אויף דער פידל בעת זיין קאנצערט.

7. ביילייגן א דאקומענט צו א בקשה, ווענדונג אע. % די ווענדונג צו באקומען דעם פאספארט דארף מען באלייטן מיט א מעטריקע.

ם באלײַטן מיט די אויגן - נאָכקוקן עמעצן בײַ זײַן אַװעקגײן.

ם בלײַטין/בלײַטן

1. ------

1602" און [גאָט] הוט אונש בלײַטט אין דער מדבר דיא דא איז ור װײַשט". שעריר, פּראָג, ב - 1.

1705" צװײ הײליגע מלאכים זײַנן אן גיברײַט צוא בלײַטין צוא דער װאש גײַט ארויש פֿון זײַן הויז". קה, פֿפּד"מ.

ב אַ ל ײַ ט ע ר - דער, =ס. פֿפֿ: באַגלײַטער, (װ: =ין/=קע)

1. דער װאָס גײט אָדער פֿאָרט מיט עמעצן צו אַ באַשטימטן אָרט, אין אַ געװיסער שליחות, װאָס איז אַ טײל פֿון עמעצנס אַ סוויטע, פֿמליא.

2. (אַסטר) אַ הימל-קערפּער, װאָס באַװעגט זיך אַרום אַ פּלאַנעט, סאַטעליט. % די לבנה איז דער באַלײַטער פֿון דער ערד.

0 לעבנס=באַגלײַטער (יך) - (פֿיג) ער איז איר געװען אַ געטרײַער לעבנס=באַגלײַטער. זײַן לעבנס=באַגלײַטערין איז אים פֿרי אַפּגעשטאַרבן.

ם קינסטלעכער באַלײַטער - אַפּאַראַט ארויפֿגעשיקט אין קאָסמאָס צו באַװעגן זיך אַרום אַ הימל=קערפּער; קינסטלעכער סאַטעליט.

ב א ל י כ ט - דער, =ן. 1. דזור באלייכטונג.

2. אקט אדער רעזולטאט פון באלייכטן. % צוליבן
נעפל איז דער באלייכט אויף די גאסן זייער שוואך.

2. ( פאטאגראפיע ) די עקספאזיציע פון א פאטא-קלישע
אדער פילם=טאשמע אויף דער ווירקונג פון ליכט.
% דער צו לאנגער באלייכט האט קאליע געמאכט די
פאטאגראפיעס.

0 באלייכט=אינסטאלאציע - די, =ס. % דער בנין איז
שוין פארטיק, עס פעלט נאר די באלייכט-אינסטאלאציע.

באלייכט=מיטל - דאס, =ען. % דער נאפטלאמפ איז
שוין א פארעלטערט באלייכט-מיטל.

באלייכט=אפאראט - דער, =ן. % די פאבריק ארבעט
אויס נייע פראזשעקטארן און אנדערע באלייכט=אפאראטן.

באלייכטשטאף - דער, =ן. % נעאן איז געווארן א
פארשפרייטער באלייכטשטאף.

באלייכטונג - די, =ען, פפֿא באלויכטונג

1. אקט אדער רעזולטאט פון באלייכטן, ב 1.

% שטארקע (שוואכע,קנאפע) באלייכטונג. פארביקע/ קאלירפולע באלייכטונג. די באלייכטונג פון קלאסצימער איז א גענוגנדיקע, אלע קינדער זעען גוט. דער פֿאסיקער בײַט פון דער בינע-באלייכטונג שאפט א געהעריקע שטימונג בײַ דער פארשטעלונג.

1908 " א צו העלע באלייכטונג טויג אבער אויך ניט".

מ. גאטליעב, פאפולערע אלגעמיינע היגיעניע, ווארשע,

1938 " פֿאנדרע אליין איז געבליבן שטיין אין מיטן דער באלייכטונג ווי א באצויבערטער". זש, נח פאנדרע

2. ליכט-אינסטאלאציע, מקור פון געבן ליכט. % עלעקטרישע באלייכטונג. קינסטלעכע, נאטירלעכע באלייכטונג. די שטאט-פארוואלטונג האט איינגעפירט אין די גאסן נעאן-באלייכטונג. ~~די הויפט-גאסן האבן באלייכטונג~~ ~~פון די דערות ווערט אלץ ...~~ אין פֿאַרוואָרפֿנע ישובים ניצט מען נאך נאפט-באלייכטונג.

1883 " די תלמוד-תורה האבן זיי אויסגעהאלטן מיט האלץ און מיט באלייכטונג. א. סאפיר, דער קליינער קאטערזניק, ווילנע.

1909 " מע צינדט גלייך אן די גאזע-באלייכטונג". מ. יודעלסאן, דאס רייכע לאנד, א"א, ז' 3.

1947 " אין מיטן די ניינציקער יארן האט מען אנגע-הויבן גרייטן עלעקטרישע באלייכטונג". ח. מאהלער, טשענסטאכאווער יידן". נ"י, ז' 41.

3. (פיג) אופן פון באנעמען אדער קלאר מאכן (דערקלערן) אן ענין, אינטערפרעטאציע, פירוש. פון א פראבלעם. % דעם קריטיקערס נייע באלייכטונג פון לייוויקס שאפן האט ארויסגערופן א גרויסן אינטערעס. די אפאזיציע האט אין פארלאמענט געגעבן א גאנץ אנדערע

באלייכטונג פון דעם מצב אין לאנד.

... " א נייע באלייכטונג פאר א סך אנדערע טעזעס און אקסיאמען פון אונדזער געזעלשאפטלעכן געדאנק".
ש. ראווידאוויטש, ייבל XXI.

1951 " די דערקלערונג און באלייכטונג פון איינציקע שרייבער און איינציקע ווערק מוז אינדיווידואלירט ווערן". שב אלער זב ליטע I, נ"י, ז' 1061.

1970 " [...] א גרינטלעכע באלייכטונג פון דער שטעלונג פון פארשיידענע פאליטישע ריכטונגען אין פוילן".
יזב סאנץ, ת"א, ז' 652.

0 באלייכטונג-אינסטאלאציע, באלייכטונג-אפאראט, באלייכטונג-מיטל.

1865 " דערצו האט דאס נייע באלייכטונגס-מיטל ניט דעם מינדעסטן ריח". קמ, 31.

ב א ל יי כ ט ן - טרוו, פאר באלויכטן. 1.געבן שיין, מאכן ליכטיק.

1877 "מיין ליב קינד, זאגט דער פאטער ידידי, דאס וואסער וואס דו זעסט דא, פון צייט וואס די זון האט די ערד אנגעהויבן צו באלייכטן, ריכט אלץ פון דעם ארט ארויס אומאויפגעהערט". דאס איינציגע קינד, לובלין.

1895 " איין דונקעלע לאמפ האט דאס חדר באלאכטן [באלויכטן]". פהיליפזאהן, רבי יהודה הלוי, איבז יונה טרובניק, טייל 2, ווילנע, ז' 4.

2. ווארפן א שיין אויף א געוויסער זאך, אויסטיילן זי, מאכן אנזעעוודיק.

1883 " די אותיות [אויפן חושן] פלעגן ארויסקומען בולט און די שטיינער האָבן באַלויכטן אויף די דאזיקע אותיות". גופּת צופים 2, ווילנע, קכ"ד, 11.

1910 " די שטראלן פון מעריב=זייט האָבן, שוין קאַלטע, // באַלייכטעט [באַלויכטן] א ווערבע א קרומע, און אלטע[...]". פּרוג, שריפטן !!!, ליד, "דריי חברים".

1932 " דאס שוועבעלע האָט באַלויכטן זיין ברייט פּנים, וואס איז איצט געווען אָנגעטאָן אין אויפגערעגטקייט". א. קאַהאַן, אינזשעניערן, קיעוו.

1956 " באַלויכטן האָט דאס פייער גאר די ווייט // אין אלע עקן וועלט, ווו ס'האָט דער האַקנקרייץ צעשפּארט זיך...". פּ. מארקיש, מלחמה, דער טויט פון לעצטן אויפשטענדלער.

3. (פיג) דערקלערן, קלארער מאכן אן ענין, אויסטייטשן, אינטערפּרעטירן, א פּראָבלעם, סיטואַציע.

1933 " עס האָט דער פּאקל רויט געברענט//און ניט באַלויכטן אונדז דעם סוד[...]". א. רייזען, דער צוג.

1958 " [...] דערויף האָט דער האָמאָ-סאַפּיענס א קאַפּעלע אינטעלעקט, דער זאָל באַלייכטן די סטיכיע און דעמאַסקירן אירע פּארטלען...". באַש, זש' איק, [?] נ"י, ז' 84.

1957 " דער בעש"ט האָט אריינגעטראָגן חיות אין עבודה און דער אלטער רבי האָט באַלויכטן דעם דרך הבעל=שם=טוב". ליקוטי-דיבורים, נ"י, ז' לה.

4. (פיג) באַלעבן, אנווארעמען דורך א געפיל, שטימונג אאַ.

1883 "די אותיות |אויפן חושן| פלעגן ארויסקומען בולט און די שטיינער האבן באלויכטן אויף די ד דאזיקע אותיות". נופת צופים, ווילנע, קכ"ד.

1910 "די שטראלן פון מעריב-זייט האבן, שוין קאלטע, באלייכטעט א ווערבע א קרומע, אן אלטע..." פרוג,

1932 " דאס שוועבעלע האט באלויכטן זיין ברייט פנים, וואס איז איצט געווען אנגעטאן אין אויפגערעגטקייט". א. קאהאן, איבזשעניער, קיעוו.

1956 " באלויכטן האט דאס פייער גאר די ווייט // אין אלע עקן וועלט, ווו ס'האט דער האקנקרייץ צעשפארט זיך...". פ. מארקיש, דער טויט פון לעצטן אויפשטענדלער, מלחמה,

3. (פיג) דערקלערן, קלארער מאכן אן עניין, פראבלעם, סיטואציע.

1933 " עס האט דער פאקל רויט געברענט // און ניט באלויכטן אונדז דעם סוד...". א. רייזען, דער צוג,

1958 "|...| דערויף האט דער האמא-סאפיענס א קאפעלע אינטעלעקט, ער זאל באלייכטן די סטיכיע און דעמא-סקירן אירע פארטלען...". באש, זש' איק, נ"י, ז' 84.

1954 " דער בעש"ט האט אריינגעטראגן חיות אין עבודה און דער אלטער רבי האט באלויכטן דעם דרך הבעל-שם-טוב". ליקוטי-דיבורים, נ"י,

4. (פיג) באלעבן, אנווארעמען דורך א געפיל, שטימונג אע.

1949 " א טיפע פארבינדונג מיט אמונה... האט באלויכטן דאס לעבן פון דער שטאט". שווארצבארט, ספר כזשאנאוו, רעגנסבורג, נ' VIII.

1962 " דער מילדער שמייכל האט באלויכטן דעם פנים אט ווי א ליכט הינטער א דינעם פארצעלייענעם ווארעלע". ש. מילער, יזב זוויהיל (נאווואגראד־וואלינסק), ת"א, ז' 166.

באלייכטן זיך - רפל.

1906 "די דארפס־לייט באנוצן ניט קיין פאנסנע, קיין ברילן, ביז אין זייער טיפסטן עלטער, באלייכטנדיק זיך מיט זייערע אנגעשפאלטענע קינעלעך, אלס די שטעטישע באלייכטן זיך מיט גאזאווע, עלעקטרישע און בענזין־באלייכטונגען". נ. גאלאמב, די בורזשואזיע, ווארשע.

ב א ל יי כ ט ע ר - דער, =ס. 1. מכשיר, זאך אדער שטאף וואס באלייכט: ~~נאך גאר ניט לאנג צוריק~~ איז א ליכט געווען דער איינציקער באלייכטער אין די הייזער.

2. (פיג) דער וואס מאכט קלאר, דערקלערט אן עניין, מפרש, אויסטייטשער, קאמענטאטאר, אינטערפרעטאטאר. רש"י איז געווען דער גרעסטער באלייכטער פון דער תורה.

... "א סך באטראכטן פאר א זינד צו גייען אין די טריט פון רמב"ם, אבן־עזרא, [...] און זייערע דריקן די, וואס גייען צום ליכט פון די דאזיקע באלייכטערס". פון בריוו פון יעקב־שמואל ביק, ייבל XIII, 7 - 8.

54a באַל-

3.

ב אַ ל יי ש{ן - טרוו. 1. באַפּוצן (באַלייגן, באַדעקן) מיט א דינעם שיכט גאָלד אָדער זילבער. % דער איינבינדער באַליישט די טאָוולען פון בוך מיט אותיות פון גאָלד. דער פּאַסיק פון קלייד איז געדיכט באַליישט מיט גאָלדענע פעדעם.

1855 " דאָרט [אין פּאַלערמאָ] איז דאָ איין שיף בליישט מיט זילבר אונ גולד אונ דער מלך זעצט זיך אפט אריין צו פארין ער מיט זיינע דאמען". איבּז [illegible] [illegible] |מחבר?|, מסעות רבי בנימין, וואַרשע, ז' כ"ד, [illegible]

1938 " אין איין האַנט - די שלעפּע פון קלייד, אין דער צווייטער - א סידור באַליישט און פאַרשלאָסן מיט גאָלד |...|". ש. בערלינסקי, א לעבן גייט אויף. זש' ייפא, ב' 2, וואַרשע. — 4853-בל

..................................................

באַמ: מע וואָלט געדאַרפט געפינען ~~מער און~~ בעסערע ציטאַטן!! [illegible]

..................................................

2. באַשמירן חלה א"א געבעקס מיט בוימל פאַר באַקן.

3. באַדעקן די איבערפלאַך פון א געבעקס מיט קרעם אָדער פאַרשיידענע באַפּוצונגען. % דער טאָרט איז באַליישט מיט רויטע און גרינע צוקערלעך.

״ באַליישונג — די . אַקט אָדער רעזולטאַט פון באַליישן .

ב א ל י ן - דער, =עך. (זאאל) „וואַלפיש" [קטור]. (?נ?)

ב א ל י נ ג ע - די, =ס. (רעג, מאלדאוויע) אפפאַל פון פערד, פערדמיסט, גאַנבצט אויף קנעטן ליים.

1966 "א קופּע באלינגע און פייגעלעך - א ליאַמע". מ.מ. שאפיר, אויף מיין פידעלע ליד, מאנטרעאל, ז' 45.

1971 "א גויע קלייבט אין פארטעך באַלינגע". מ. מ. שאפיר, בורא מיני חלומות, מאנטרעאל, ז' 75.

ב א ל י נ י - [דער?], =ס. (גלש) גולדען [קורקא]. [illegible]

ב א ל י ס ט י ק - די. וויסנשאפט וועגן פלי־ געזעצן פון ארטילערישע קוילן (באַ. פּיסטוילן) (פֿון [illegible]).

באַלוסטיש - אדי. [illegible] 13 באַליסטיק.

ב א ל י ס ט ע - די, =ס. פּפּ באליסטאריע. (עלט) א פארציייטיק געווער צו שליידערן שטיינער, גענוצט ביי באלאגערן פעסטונגען.

ב א ל י ע ! - די, =ס, פּפּ: באלייע, באליי, (לאקל, בריסק) באליע ; פּקפּ: באלקע/באלייקע | ווייכער ל |. א קיילעכיקע שטוב־כלי, געמאכט פון הילצערנע קלעפּ־ קעס, צום וואשן וועש אדער צום באָדן (זעלטענער אויך פאר אנדערע צוועקן, למשל, פישערס פלעגן האלטן אין באליעס לעבעדיקע פיש). % די מאמע האט איינגע־ ווייקט א פולע באליע מיט וועש. דאס קליינינקע קינד האט מען אויסגעבאדן אין דער באליע. אויפן מארק זיינען אויסגעשטעלט באליעס מיט העכט, קארפּן.

1907 "אנשטאט דער דייזשע מיט וואסער האב איך, אפנים, געטראפן צו דער באלייע, ווו מע וואשט גרעט און ארײנגעפּליאסקעט א פּופּצן=צוואנציק גלעזער צו מיר אין קרוג ארײַן". שע, מאטל I, ז' 102.
1937 נ"י, 613

1961 " [...] איז ער [דער פישער] געשטאנען מיט זיינע בנים ביי די באליעס פיש". ס. באַרדיטש-גאָלדבערג, יזב ...לוצק, ת"א, ז' 342.

באליע !! - די, =ס. דזוו באלן, ...

1963 " איז ער צוגעגאנגען צו א פאליצע, אראפגענומען א באליע שטאף, און אנגעלאדן אויף דער פלייצקע". זש, טמז, 15/IX.

באליעדרע - די, =ס. (שוסטעריי) ביליקע דינע לעדער, א מאל אויך קארטאן, מיט וואס מע לייגט אויס דעם שוך פארן צופעסטיקן די זוילן און קנאפל.

~~באליעז - די, =ן. (רוסיזנא) פארגרייזט פון רוסיש ... קרענקלאפקייט.~~ (?נ)

~~"באליעזן און טשאכאטקעס וואס זי האט מיר אנגעמאכט". חג.~~

~~א באליעז זאל דיר ... (קללה)~~

באליען - אוטוו. קראנק זיין [קטוו]. (?נ)

........................................

באמ: אין וואליך איז יא געווען אזא אויסדרוק, אבער מיט אן אנדער אקצענט: באליען.

........................................

באל - 57.

באליק I - דער, =עס. פפּ בעליק, שטאם פון אן אפגעזעגטן בוים, אָן די צווייגן און ארומגעטעסעט פון דער קארע, ס׳רוב פירקאנטיק, געניצט צום אויפבוי פון ווענט און סטעליע (סופיט) פון הייזער.

% די שטוב איז געבויט פון סאסנאווע באליקעס.

די סטעליע האלט זיך אויף פיר דעמבענע באליקעס.

1818 " עס שטייט צווייי הייזער איינס אקעגן אנדערן און פון איטלעכן הויז גייט ארויס א באליק אדער א ברעט". איבז, תקוני שבת, אוסטרהא.

1862 " די ביינער [...] ליגן אויף דעם מוח פון דעם מענטשן אזוי ווי אייך באליק ליגט אויף דער שטוב". בגופת צופים 1, זשיטאמיר, 290.

1948 " איך וועג פארוואלגערט באליקעס א סטאַם איז אויף א סטאַם". פמ, מלחמה מאסקווע, ד׳ 67.

רעדן צום באליק - רעדן אויף פּוסט, ווען קיינער וויל ניט הערן, ווען מע וויל ניט ענטפערן, אויספאלגן וואס מע זאגט.

1963 " אנשטאט "רעדן צום באלקן" האט מען געזאגט "רעדן צום באליק". ג. בערנשטיין, יישפ XXIII, 2.

ב אַ ל י ק II - דער, בא. האַרטעפּ׳ל׳. (זאַאַל) א פּיש.

R: Балык (Mugil cephalus וויסן)

1916-1913 " דאַרט איז געווען פון כל=טוב: הערינג און פּיש און באַליק און איקרע". שע, פּונעם יאַריד II, ציט אויסג׳. אַלע ווערק, ניו=יאָרק, 1944, ב III-ג, ז׳ 250.

1944 " די שטיקער ׳באַליק׳ וואָס ווערן געבראָטן אין סמעטענע און באַשאָטן מיט אַסטראַכאַנער איקרע".

זש, קיסר און רבי, I, ז׳ 20.

Бревенной

ב אַ ל י ק אָ ו ו ע - אַדי. געמאַכט פון באַליקעס ?נ?

(קאַלקנס) לז טייטשט: באַליקאָווע = ליל׳

ב אַ ל י ר י ע - די, =ס. בנבב. קומט אין קללה: ?נ?

א באַלירע אויף דיר! - ~~[illegible]~~

~~[illegible]~~

ס/ „אַ באַלירע אויף דיר, אַ באַלועריע אויף דיר – אויסגעכאַפּט בײַ מיר דעם פּאַסאַזשיר פֿון אונטער דער נאָז! אַזוי גוט אַ בעל-עגלה?" [קטוו].

באַליק II – דער, באַ. האַרטע ל'. אַ פיש.

R: балык (Mugil cephalus)

1915 "דאָרט איז געווען פון כל־טוב: הערינג און פיש און באַליק און איקרע". שע, פונעם יאַריד II, צום אָניסב....

1944 "די שטיקער 'באַליק' וואָס ווערן געבראָטן אין סמעטענע און באַשאָטן מיט אַסטראַכאַנער איקרע".
זש, קיסר און רבי I, ז' 26.

באַליקאַווע – אַדי. געמאַכט פון באַליקעס (קאַלקנס) | 2x | טייטש: באַליקאַווע = Бревенной.

באַלירע – די, =ס. בנב.
קומט אין קללה: אַ באַלירע אויף דיר! "אַ כאַלירע אויף דיר, אַ באַלירע אויף דיר – אויסגעכאַפּט בייַ מיר דעם פּאַסאַזשער פון אונטער דער נאָז! אַזוי טוט אַ בעל־עגלה?" | קטוו |.

ב**א**ל י ש נ י ק - דער, =עס. (פלש) א מוזיקאנט, א כלי-זמר, ~~קאפעליע~~ וואס שפילט אויף א באל/בעלער.

1918 "באלישניק - מנגן, שפילער. [...] לויט ווי'ס השערה נעמט זיך דאס ווארט פון "באל" - א געזאנג= און טאנץ-אווגט". נ. פרילוצקי, כלי-זמר לשון אין פוילן", ~~אין~~ רשומות, אדעס, ז' 275.

1923 "'באלישניק' ==כלי-זמר". י. טריוואקס, 'כלי-זמר-לשון' ~~אין~~ זב ביי אונז יודן, ווארשע, ז' 168.

ב**א**ל כ ס ו ן [בעאלאכסן] - אדוו. 1. אין א דיאגא-נאלער ריכטונג. % די ליניע, וואס פארבינדט צוויי ווינקלען פון א גראדעק, גייט באלכסון.

1868 " פלעגן זיי [די אולאנער-רייטער] צוהאלטן זייערע פיקעס באלכסון, דאס הייסט אין דער קרום, זיי זאלן ניט צעפען [טשעפען] דערמיט דעם עירוב". אמד/איבז, א. בערענשטיין, פייגעלע דער מגיד, ווילנע, ז' 32.

1951 " דער שניי [...] ליגט [...] אויסגעבעט איבער גאסן און דעכער. גויים פארן באלכסון איבער דער פארפרוירענער אזערע". זש, שקלאווער קינדער, ז' 162.

2. ניט גראד, קרום, זייטיק. % קוקן באלכסון

"|... א רוק געבנדיק דעם טיש נאר באלכסון". ממוס, דער פריזיוו, ז' 68.

1960 " די רעכטע האנט איז נאך דערצו געווען קירצער פון דער לינקער און איז געהאנגען מאדנע באלכסון ביי אים אויף דער זייט". ש. סיימאן, צווייגען, ק"ט.

|| באלכסונדיק [בעאלאכסנדיק] - אדי/אדוו. וואס איז אין א דיאגאנאלער ליניע.

1927 "[...] אן אייזנבאן-בריק [...] איז אויסגעפלאכטן פון אינדערברייטעריקע, אינדערלענגעריקע און באלכסונדיקע פאסן אייזן". ט. בערלס, מענטש-מאשין, קיעוו.

באַלמאָטשען - ---> בארמאטשען.

באַלמוֹט - ---> באלעמוט.

באַלמעלאָכע - ---> בעל-מלאכה.

באַלמעלאָכעשאַפֿט — ---> בעל=מלאכהשאפט.

באַלמעלאָקע - (...) בעל-מלאכה.

באַלמעלי́כיבקעס - אדוו. פארגרייזט [?] פון פאמעלעך — פאמעלעכקע.

1874 " זי האט באלמעליכינקעס אויפגעהויבן אירע צוויי שווארצע אויגן, און פון זיי זיינען ארויס צוויי אמארישע פיילן, וואס האבן געטראפן גלייך אין זייער ציל". ר' אב"א מווילנא, דער פוימאניק, זשיטאמיר.

באַלמעלכאָמע - דער, =ס. (גלש) סאָלדאט [קורקא].

באַלמעלעקע - ---> בעל מלאכה.

באלמעמער - דער, =ס. דזוו באלעמער.

באלמעסיק - אדוו. אזוי ווי אויף א באל, אויפן שטייגער פון א באל (טאנצאוונט).

1868 " דאוועגען באלמעסיק |...|, נו, וועט מען דארט [אין די קארשולן] ניט ארייגלאזן, טיידן ער [דער דאוונער] איז אויסגעפוצט ווי אויף אן עפנטלעכן באל?". קמ, 32.

1893 "זייהאבן ביי אים אויסגעזען ווי די אקטיאריצעס [אקטריסעס], יעדע באלמעסיק פארפוצט". י. ארנשטיין, רעיונות ישראל, יאס, ז' 69.

באלן - דער, מצ דז אדער =ס. 1. (עלט) קיילעך, קויק, קויל.

2. (עלט) באלעם, פילקע, באל צום שפילן.

1838 "א טייל זעניך מחיר צו שפילן מיט איין באלין אום שבת אונ א טייל אסריך". לט 2, ז' 63.

1848 "עס איז א גרויסע עבירה צו שפילן אין קארטן אדער אין דריידל און כלשכן אז איינער שפילט אין באלן און אנדערע פארשייטע זאכן". (ר' מאיר פאפפרש, ~~אדעס~~, הלכות דרך ארץ, לעמבערג.

3. רונדיק איינגעוויקלטער פאק, ראל, קנויל. % א באלן באנוול. איך קראם ליגן צענדליקער באלנס שניט-סחורה.

1864 " און איז ארויפגעקראכן אויף דער שיף און איז פארקראכן דארטן אין א ווינקל צווישן די באלן סחורה". אמד, דער מלמד, ווילנא.

1896 " די יידן אין פעסטונג האבן [...] אנגעגרייט קנוילן אדער באלן פון פאקולע מיט פעק, פיל שטיינער און [...] דערמיט מקבל-פנים געווען די שטורעמענדע קרייצפארער". אמד, די אונגליקליכע ליעבע, ווילנע.

1952 " רופט אריין [...] ער זאל העלפן איבערדרייען א באלן פאפיר". מאטעס דייטש, מאנדלברויט=יידיש, לאס אנדזשעלעס, ז' 25.

4. (אלט) דאס דיקע האלבראונדיקייט פון פלייש, פון מוסקול" [מסביבות] נפֿ אין ייפא, ווארשע, 1938 [.2 -] % באלן פון פוס, פון האנט.

1832 " די באלן פון די פיס פון איטלעכער חיה זיינען לאנג פופצן מאל פינף הונדערט - און זייערע פיס זיינען גלייך ביי דעם כסא-הכבוד". מחזור לראש השנה, לב/ב, סלאוויטע.

1862 "עס איז אויף אונדז מקויים געווארן די פסוקים: ולא יהיה מנוח לכף רגליך |...| דאס הייסט, דו וועסט קיין מנוחה ניט האבן פאר די באלן פון דיינע פיס." | אמד, ספורי גזירות ת"ח ותט, ווילנע.

5. (אלט) מאס פון פאפיר (א באלן האט 10 ריס, א ריס 20 ליבער, א ליבער 24 בויגן).

6. (אלט) מאס פון שיטעוודיקע זאכן (צוקער, מעל אע) (א באלן מעל - א זאק פון 100 קילא). [פודק]

1905 " [...] ראובן ששלח לשמעון שילוה לו באלען קמח |...| שלא הי"ל אז בחנותו |...| וכשהלוהו הקמח היה המקח י"ג ר"כ כל באלען |...|". הרב שלום.שוואדראן, שו"ת מהכש"ב, חלק שני, פיעטרקוב, תרס"ה, ז' 138.

0 באלן (פון) שליידער - (אַלץ) „כף הקלע" — דאס ביימעלע, פארטיפונג אין דעם פארציימיקן געווער, וואס האט געדינט צום שליידערן, ארויסוואַרפן שטיינער. [תי: שמואל א, כה - 29: יקלענה בתוך כף-הקלע - אוועקשליידערן אין א שליידער-לעפל].

1885 "אבער די רשעים, אז דאס נפש פליט פון זיי אוועק, ווערט זייער נפש אין באלן פון שליידער געשליידערט דורך מלאכי חבלה". יוצר ליו"כ, ח' שני, פ"מ, ז' 114.

ם באלן(באלין/בלן)

<------ 2.

1716 "[...] דא דיא שטאט אוב ווינד אודר אז איין בלן דז מען ווארפט איינר צום אנדרן אויף איין בריימן פלץ". סהמ, ישעיה, כ"ב - י"ח. [תיַטייטשט: "כּצנפך כדור" - אײן קויל וועט ער דיך אוועקקוליען].

<----- 3.

1718 " נעם גישטושיני (וויצן קולין) אונ זיא גאר פיין זיפן און נעם פרישע בוים וואל אונ מאך איין באלן דרויז אונ טוא דש פולווער אין דען באלן אונ טוא עס רונד ארום וואול צו נייאן". קונשט ביכל, אמשטרדם, תע"א.

1732 " שיקי למכ"ת דורך הייטיגי אפהנדי לאנד קוטש איין באלין פראנצ' זיידן שטאפין". אגרת שלמה, ד/א, וואנזיבעק.

<----- 4.

1744 " דש גנצי הערץ איזט נאר אזו גרוש אלז איין באלן פון איין מענשן הנט". בע, ג-2, זולצבך.

1716 " און דעץ לייב פון דייני פיינד ער זאל שליידירן אין דעם באלין פון דער שליידיר". ספר המגיד 3, שמואל I, ווילהרמרשדארף.

(?נ?) באלן II - טרוו ---> ביילן (פויסטן).

(?נ?) באלנוגארע - די, =עס. (לאקל, פאשוועטין, ליטע) " א קו מיט א ווייסן רוקן". [קטגג כ. לעמכעך].

< Lit: bal(t)nugāre.

באלני - דער, =ס. (פלש) א גילדן (מטבע). [נפ׳, כלי-זמר-לשון אין פוילן, רשומות, 613 ,1 אדעס, תרע"ח, ז׳ 275].

(?נ?) בא(ל)ניאריע - די, =ס. (שפאנ, נא) קוראַרט מיט היילנדיקע וואסערן.

באלניצע I - די, =ס. (רוס) שפיטאל, בית=החולים. (1)

| ? | " גיב א קוק וואס פון דיר איז געווארן, אז מע פירט דיך שוין אין באלניצע אריין". פל.

< R: больница

1882 "ביי אונדז אין שטאט האט מען ניט לאנג אַקראַיעט [געפנט] א יידישע באלניצע". ק. ד. וואניעווסקי, ייפאל, 1, ז׳ 43.

1951 " א פוס האב איך מיר קליע געמאכט. איך מוז גיין אין באלניצע". זש, שקלאווער קינדער, 10, ז׳ 275.

באַלניצע !! - דער, =ס. (לאקל, גראדנע)„א משוגענער" [קטורן].

באַלניק - יידישער נאמען פון Balnikai, א שטעטל אין ליטע.

באלניקער הענער - שפאטישער צונאמען פאר די יידן פון באַלניק. [ל. זאמעט, יישפ IV 3 - 6].

באַלנעאָטעראַפּיע - די, בא. אפצווייג פון דער באַלנעאָלאָגיע, וואס פארנעמט זיך מיט אנווענדן מינעראלישע וואסערן ביים היילן קראנקהייטן.

באַלנעאָלאָג - א מומחה, א ספעציאליסט אין באלנעאלאגיע.

באלסום - דער. באַלזאַם.

1705 " האט מען מיר גוויזן דרייצעהן טייכין מיט באלסום אייל דאס מיין שכר עולם הבא". (בה.)

באַלנעאָלאָגיע - די וויסנשאפט, וואס פארנעמט זיך מיט שטודירן די אייגנשאפטן פון פארשיידענע מינעראל-וואסערן און זייער אנווענדונג אין היילן קראנקע.

ב אַ ל ס י מ י ר ן - טרוו. פּפֿ באַלסימן, באַלזאַמירן.

1679 "און יוסף ביפאל זיינן קנעכטן דען דאקטירש דז זי זיינן פאטר באַלסימירן זאלטן און די דאקטירש באַלסימירטן ישראל". י. בליץ, איבער, בראשית 2/5.

1743 "און ער ליס אים באַלסימען אלז וויא מן איין קינג טוט". מ. מן, יוסיפון, אמשטרדם, פ"ה.

ב אַ ל ס ק - א שטעטל אין ליטע. אויך באַלצק.

באלסקער חיות, באלסקער חזירים-פרעסערס. | שפּאַטישער צונאמען פאר די יידן פון באלסק [קטוו].

ב אַ ל ע - די, =ס. (לאקל, פאשוועטין, ליטע) זומפּ, בלאָטע. [קטוו]. כ. לעמכען]. < Lit: balà

ב אַ ל ע - די, =ס. (רעג, מאלדאוויע) "קרענק, מגפה, ס'רוב צווישן בהמות, עופות" [קטוו].

אז קומען זאל אויף אים א באַלע! [קללה].

ב אַ ל ע ב אַ ט י ם - ---> בעלי-בתים.

ב אַ ל ע ב אַ ט י ש - ---> בעל-הבתיש.

ב אַ ל ע ב אַ ט י ש ק י י ט - ---> בעל-הבתישקייט.

באלעבאטעווען - ---> בעל-הבתעווען.

באלעבאטשען - ---> באלעבעטשען.

באלעבאנדע - די, =ס. פא בעל-הבאנדע. [illegible]
(איר, פטם). א בעל-הביתטע א שלימזלניצע, ניט קיין
בריה. (דאס ווארט איז א שפאסיקער באהעפט פון
בעל-הביתטע [באלעבאסטע] און באנדע.)

1910 " נחמה נחום-געציעס [...] א באלעבאנדע [טעקסט:
בעל-הבאנדע], מישטיינס געזאגט!". ש. פרוג,
אלע שריפטן III, נ"י, ז' 75.

באלעבאס - ---> בעל-הבית.

באלעבט — פאדי פון 'באלעבן'. 1. וואס לעבט,
וואס געהערט צו דער וועלט פון מענטשן אדער
בעל-חיים. א טיש איז ניט קיין באלעבטע זאך,
א קאץ איז א באלעבטע זאך. ג… באלעבטע
סובסטאנטיוון [illegible]

1921 " טייל זאכן אויף דער וועלט לעבן, טייל זיינען
ניט-לעבעדיקע, דעריבער טיילן זיך אלע זאכן אויף
באלעבטע און אומבאלעבטע זאכן". ימ, שול-
גראמאטיק, [illegible].

2. אויפגעלעבט, דערמוטיקט, מיט נייעם כוח.

1958 " ער האט א באלעבטער, מיט ברייט צעעפנטע אויגן
זיך ארומגעקוקט אויף זיין באלעבאטישקייט און
איינגעאטעמט די אויפגעפרישטע נאכטיקע ריחות".
ש. ביקל, שרייבער פון מיין דור, נ"י, ז' 350.

3. וואס כאראקטעריזירט זיך מיטן בייזיין (אנטייל)
פון מענטשן, פון זייער באוועגונג (גייערס, פארערס)
מיט מענטשלעכער אקטיווקייט און אינטערעס. א באלעבטער
שטאטקווארטאל, א באלעבטער שמועס. די דיסקוסיע
איז געווען זייער א באלעבטע - כמעט אלע
פארזאמלטע האבן גענומען א ווארט.

66a [...] .56.

1899 " די באַלעבטע [crossed out] גאסן ווערן ווייטער
ליידיק, און שניפּישאַק שלאָפט רויק איין".
ב. גאַרין, פּסח [..], נ"י.

1965 " אויף איינער פון די באַלעבאַטסטע גראַדנער גאסן האט
געלעבט א פּוילישער מאיאר [...]". [crossed out]
זב ליטע II, ז' 679.

|| באַלעבאַטקייט – די/דאָס, באַ. 1. אייגנשאַפט/מצב
פֿון זיין באַלעבאַט. % דאָס וואָס טיילט אָפּ מענטש און
חיה פון דומם איז די באַלעבאַטקייט – זיי אָטעמען,
באַוועגן זיך אאַז"וו.

2. אויפגעלעבטקייט, אויפגעפרישטקייט, מונטערקייט %
די רייזנדע האָבן זיך אַרומגעוואַשן, אָפּגערוט און
דערנאָך ממשיך געווען די נסיעה מיט מער באַלעבאַטקייט.

3. דאָס בייזיין פון מענטשן אין א געוויסן אָרט. %כאָטש
דאָס שטעטל איז א קליינס, האָט עס זיך אויסגעצייכנט
מיט זיין באַלעבאַטקייט – א סך קראָמען, עטלעכע
גרויסע ירידים, און יידן האָבן געהאַט פּרנסה.

1930 " זיינען איצט אין דער שטילקייט פון דער
נאַכט אויפגעשטאַנען [..] מיט זייער גאַנצער באַלעבאַטקייט".
אַש, וואָרשע, ציט אויסג נ"י, 1949, ז' 82.

1956 " דאָרט איז קיין אַנדייט אויף קיין גאַסן ניט
געווען, // און פון באַלעבאַטקייט ניט געווען קיין
מינדסטער סימן". פּמ, מלחמה II, נ"י, 1956.

באַלעבייקע – די, =ס. (לר) א נאַרישקייט,
א נאַרישע מעשה. (ריז, לויטער)

באַלעבייקען – אוטוו. פּפּ: באַלעבייקענען.
(לר) רעדן נאַרישקייטן, פּלוידערן סתם אין דער
וועלט אַריין. (פּמש, לויטער)

באלעבן - טרוו. 1.אריינגעבן לעבן, לעבעדיק מאכן.

1896 " קומענדיק אהער האב איך ערפארן |געקומען צום אויספיר|, אז מיין נשמה באלעבט גאר אן אנדערן, אז איך האב שוין גאר קיין האפענונג אויף גליק". שמר, אנשל |...| אין ווילנע, ווילנע, ז' 22.

1951 " אלץ צו וואס ער [דער שרייבער] רירט זיך צו, ווערט באלעבט! יעדער זאץ איז אנגעפראפט מיט אזוי פיל לעבן [...]". ב. ריווקין, אונדזערע פראזאיקער, נ"י.

1939-1937 " [...] און די נשמה יונג און סטיכיש/באלעבט דעם טויט מיט אירע ליפן". סוצ, פאעטישע ווערק], ת"א, ז' 143.

2. אויפלעבן, אויף ס'ניי לעבעדיק מאכן, אויפפרישן, באנייען.

1888 " ווי א ווארעמער זומער-רעגן באלעבט די געוויקסן, די פעלדער". ל. לעוויץ, רפאל דעם שניידערס טאכטער, ווילנע, ז' 24.

1901 " [...] באלעבן [...] פארשמאכטע זעלעס [נשמות] מיט דיינע זיסע און פריינדלעכע רייד". בן-ציון אלפס, מעשה אלפס II, ווילנע, ז' 7.

1960 " ער [דער שרייבער] איז געגאנגען אויפלעבן-באלעבן די אלטע יידישע נשמה-מעשה". ב. ריווקין, א גלויבן פאר אומגלויביקע, נ"י.

3. באגייסטערן, דערמוטיקן, אויפמונטערן, ברענגען צו מער אקטיווקייט.

1904 " לכן וועלן זיי [די ציונים] יידן באלעבן מיט גייסט פון נאציאנאליטעט און תורה ומצוות, אין אמונה ובטחון בהשי"ת. נתנאל, דער פוטערנער אייזעון, פיעטריקאוו, ז' 7.

1925 " דען נאך באשטרעבן זיי מיט אלעם מעגלעכן זיינע [דעם גוף] קאסט רייכלעך צו געבן [...] אנדערע אונטערהאלטונגען דעם גוף אויפצוהייטערן און צו באלעבן". ר' הלל ליכטענשטיין, עת לעשות II, סאטמאר, ז' י"ד.

1951 " דר' ראבינסאן האט געבראכט א גאנצע ריי פאקטן פון פארשיידענע ידישע יישובים, ווו דאס ווארט ארץ-ישראל האט זיי באלעבט און געגעבן ווייטער מוט". ל. שמעוני, זב ליטע I, נ"י, ז' 268.

באלעבונג - די, =ען. אויפלעבונג, וווקס, אקטיווירונג. % די באלעבונג אין דעם עקאנאמישן מצב האט לאנג ניט געדויערט. די יונגע עסקנים האבן געבראכט צו א גרויסער באלעבונג אין דער ארבעט פון דער [illegible] קולטור-געזעלשאפט.

